NUMBER 1

MILGROIM

1922

A MAGAZINE OF ART AND LETTERS

Editor in Chief Dr. M. Vishnitzer

Literary Editors David Bergelson and Nistor. Art Editor Rachel Vishnitzer

Contents:

Modern Art and Our Jewish Generation . . . . Rachel Vishnitzer
Cézanne and his work . . . . J. Meier-Graefe
In the Pine-forest. A poem . . . . M. Kulbak
Intuition. A poem . . . . M. Kulbak
George Brandes . . . . Dr. H. Bieber
Biblical stories. An aesthetic analysis . . . . Prof. E. Taeubler
At the beginning of November 1919. A sketch . . . . David Bergelson
Verses . . . . L. Kvitko
On the Frontier. A Story . . . . Nistor
The New Trend . . . . David Bergelson
The Song of my Indifference . . . . D. Hofstein
Chassidism and Antisemitism . . . . W. Latzki-Bertoldi

In addition to the above the contributors to the Milgroim include among others:
Dr. M. Balaban, Ch. Bialik, Max Brod, M. Chmielnicki, S. Dubnov, Dr. W. Fraenger, Dr. M. Gaster, Dr. N. M. Gelber, Woldemar George, Prof. D. Koigen, Prof. Fr. Landsberger, A. Levinson, M. Lifschitz, Dr. G. Marzynski, J. Opatoschu, S. Rubaschow, Dr. I. Schipper, Dr. A. Z. Schwarz, Dr. M. Schwarz, N. Stif, Prof. G. Weil, Stefan Zweig.

Illustrations:

	Page
The Seder Night. A Miniature from a Haggadah of the 14th Century, British Museum, Add. 14761	1
Miriam's Song. A Miniature from a Haggadah of the 14th century, British Museum, Or. 2737	2
The Exodus. A Miniature from a Haggadah of the 14th cent. British Museum Add. 14761	3
Rybak, The Synagogue at Shklov, 1917	4
Rybak, The Old Man, 1917	5
The Granting of the Law. From the Haggadah of Saraiyevo	7
Cézanne, The Harvesters, about 1880	8
Cézanne, Medea	9
Cézanne, An Allee in the Provence, 1885	11
Cézanne, Still-life	12
Léna Pilico, Ornament	13
Levitan, The Lake	16
Rybak, The Old Synagogue, 1917	17
A Portrait of George Brandes	19
Fragment of a Ketubah, Rivarolo, 1727. Art Collection of the Jewish Community in Berlin	20
R. Vishnitzer, A Coloured drawing	21
Rembrandt, Reconciliation between David and Absalom, 1642, Ermitage	23
Kallin, A Drawing	24

Cover, vignettes and headings on p. p. 2 and 8 designed by Prof. E. Boehm. All other titles by Francis Baruch. Trade Mark, after the sketch of R. Vishnitzer, designed by Tobias Schwab. The illustrative and technical work are under the supervision of Alexander Kogan and R. Vishnitzer.

פראַגמענט פון א געמאלטער כתובה (1727) פון ריוואראלו אין איטאליע. געפינט זיך אין דער קונסטזאמלונג פון דער יודישער קהלה אין בערלין.

אין א וואלד א יאדלאווץ

ס׳איז שטיל. שטיל. וואו עס פינטלט רויט
א פאזעמקע׳
וואו עס קלעטערט שטילערהייט
א ווערעמל
אין דעם געפלעכט פון צווייג צו צווייג
די קנאכיגע
אין דעם צונויפגעגנעם פון שטאם און ווארצלען
מאכיגע
און טיף איז די געדיכטעניש די האריגע
די פעט־ערדיגע ;
עס איז א קוועלעניש א מוכאמאריגע
ביי די קארטשעס
די גרינבערדיגע — — —
און וואו עס טוט א שושק
א גרעזל צו א גרעזל׳
א קלינג׳
א פליושק
א דינער קוועלכעלע׳
און וואו עס טוט אַ שפרונג
א בידנער העזל׳
א קער דאס גרויע פעלכעלע
דורך פאפארטניק און קאלטער קראָפּעווע
אויף אלטער פוילעניש׳
און שטיל׳
און קיל
הילכט אָפּ אין וואלד
דאס בלוי־פארהוילעניש.

מ. קולבאק

דערקענטעניש

שווער געלעגן אויף דער ערד
און צוגעזעהן — — —
כ'האב צוגעהערט
די רויע בערג און פליינען פון דאס ניי,
רוהיג דרעמלט די נשמה,
וואס איז שוין אומעטום געוועו,
נאר ס'טראכט מיין קערפער סיי ווי סיי,
ווי ס'טראכט דאס פעלד,
ווי ביי די טייכן טראכטן ווערבעס לאָמע
דעם גאנג פון וועלט.
דו אהינטער אלע טויערן,
וואס כ'זעה דיך ניט,
דו האסט ארומגעהאנגען פינקלענדיג דיין וואוין
מיט שלייערן,
איך ציה דיין משא מיט
און כ'שטוין
ביים הילך פון דיינע טריט.

מ. קולבאק

רחל ווישניצער־בערנשטיין.

אנהייב כסליו תרע״ט

איז געקומען אנהייב כסליו תרע״ט.

ברודיג־געפרוירענע לופט רויכערט איבער פעלדער, ווי קאלאמוטנע קאלטער דרומל. שטיקער הימל וואלגערן זיך דורכאויס אויף בערגלאך ערד פארחושכט, צעריסן, ווי מיט פיס צעטראטן, נאר אוועק די פיס. שוין נישטא זיי מער — פארהוילן און פארשווינדן מיט טריט מיט ריזיגע.

איבערן גאנצן שטח פון ווינקל דא, פון יידן־קאנט דעם קרעמערשן און גרויסן. נאגט אן אלטע וועלט א זויערע, אן הפקר־וועלט פריי פאר קעלט פון ווינטער צייט, פאר ווינט, וואס קאן פון צפון בלאזן און פאר צרה, וואס דארף נאך אויסברעכן און קומען פון ווייט פון ווייט, פון אן הפקר־שטאט אן עקסטער, וואו אלץ האט שוין אויסגעבראכן און געטראפן:

— א גרויסע שחיטה איז דארט געשעהן.

און הימל קויט ווייסט דערפון, און ווינטער טאג, און פארשלאפן דארף, וואס האלט נאך אלץ אין ברויזנדיגן שווייגן און ווארט נאך אויס... און זעהט אויס שטום, ווען יידן פארן עס א דורך.

טעג זיינען דא א מאל געווען לעבעדיגע, ווי אין יעדן לאנד. איצט ווערן זיי געבוירן טויטע, פארפרירן גלייך און זינקען איין אין נעפל. און וואכן לאנגע פון גרויער לקוי־חמה ציהן זיך און ציהן. קהלות יידישע פון שטעטלאך נאהענטע שרייבן זיך געהיים א דורך וועגן שמירה, און אין דער געגנט דא, דער נאקעטער און הוילער, האט מען שוין געפונען דעם ערשטן יידישן הרג. אין א ווינטער־טאג א ניט־דערפרוירענעם, ווי קאלטער זויער־טייג צעצויגענעם, האט מען אים געפונען ביי דער שמאלער באן ליניע, צווישן פארקאוועטן טייך „סאָב״ און צווישן טאליגן קוים־באשנייטן דארף „ליק״. ער איז דארט געלעגן מיטן פנים ארויף, הפקר, צעהרגעט און פארפרוירן, די הענט פארשפרייט צו גאָרער וועלט, די פארקילטע אויגן אָפן, די לינקע ברעם צעשפאלטן ביזן עק פארקנייטשטן שטערן און די ליפן אויסגעצויגן און אנגעשטעלט, גלייך אין שטומען אנגסט האבן זיי געוואלט ניט געבן א געשריי, נאר טאן א סמאקע:

— או... ווא!.. או... ווא!..

און מער גאר. א לאנגער מת פון באן ארויסגעווארפן; א שטיק־קלעמענדיג רחמנות אין געשטאלט פון א פרעמדן יידן — אן אייביג ניט־דערפארענעם דורכפארער.

און געלעגן איז ער אזוי א טאג און צוויי און דריי, ביז אן אלטער גוי א גלויביגער האט אים ארויפגעוואלגערט אויף זיין וואגן און פון מצוה וועגן אים געבראכט צופירן אין נאהנטן שטעטלדיגן טאל.

דאס איז אלץ געשעהן נאך דאן אין אנהייב כסליו אין דער צייט דער זויערער, ווען איבער „סאב״ דעם טייך דעם לאנגן איז געהאנגען א בלינדער טאג, אן עסעריגער און א פוילער. ראבן זיינען געפלויגן אפ און אויף, און געהודעט האבן פוסטע שמיטה׳דיגע טעלעגראף־דראטן. ראבן האבן אויף זיי גערוהט, ראבן האבן געטראגן שווארצע קולות אראפ אראפ און באפאלן דארט א טאפאל אן איין־און־איינציגן. קעגן איבער דעם טאפאל איז מיד און אלט געלעגן דער שטעטלדיגער טאל. ס׳האבן געדרומלט שורות, שורות טשערעפענע דעכער, שולדיג זיך געטוליעט איינס צו צווייט און געגליטשט זיך אראפ, אראפ צום סאמע ברעג.

אין אנהייב נעפלדיגן מארק בלאנקט א ווייסער פלעק, ס׳שטייט דארט שעהן־לאנג א ווייסע ציג און נעבן איר — אן אלטער אפגעריסנער חסר־דעה. ער גלעט די ציג און ביידע גליווערן — דער חסר־דעה און די ציג — ביידע מעלה־גרה׳ן.

איז שטיל און תעניתדיג און קאלט.

און נעבן דער אלטער קרומער קהלה־שטוב ווארט אלץ די פיר מיטן געבראכטן פרעמדן הרג, און אין אקעגנדיגע הייזער־פענסטער קלעפט מען און מע קוקט, ווי מענשן גענייענען אייציגווייז צום וואגן. אהן הארץ און אהן ווערן גענייענט מען דארט צום וואגן, ווי הינט אדער ווי וועלף צו א זייעריגן; יעדער טוט דארט שטום א שמעק פון טויטן און גייט אפ.

ס׳טוט א קלאפ א הינטער־טיר אויפן ארט פון א געוויין, און לאזט ארויס ניט מעהר ווי א געשריי, וואס טאטע טוט אויף קינד:

— זיץ אין שטוב!

און ווידער שטום און טויט דער דרויסן. קיינער פארט שוין לאנג פון שטעטל ניט ארויס, און פעלד איז פוסט און ייד איז הפקר. א קוימען אויף א דאך לאזט פויל ארויס דעם נשאר פון אַ רויך.

און א קעגן דא ניט ווייט, אין מארק שווארצט זיך אלץ א רעדל — שטייען פיר געציילטע לאנגע טאטעדיגע בערד און אלע קוקן זיי אהער און שטוינען. פון איינעם שמעקט מיט אלטן ציגן־באק, פון צווייטן — מיט גערויך פון קאלטן מילכדיגן קריגל, פון דריטן — מיט זאפט פון ווינטערדיגע קעלער־

עפל. און דער פערטער איז א נאר. ס׳שמעקט פון אים מיט ליידערוואַרגער, קוקט ער אלץ אהער צום וואגן און שטוינט און פרעגט:

— איז וואסזשע א?.. איז ירידים טאקי אויס?!

צווייטע האלב פון כסלו האט באנייס אכזריותדיג און ווילד געפרובט א יאטרע טאן דער קאנט, און אין גרויסן שטח פון דרום־מערבדיגער געגנט זיינען דא און דארט, ווי אין רויטער היציגער געשוויליכץ, געבליבן שטעקן נייע וואונדן שטעט.

איצט האט שוין אויף זיי געשאטן —

געשנייט, געשנייט אויף רויטע וואונדן שטעט.

און דא ביי „סאב״ דעם טייך דעם לאנגן האבן אלץ געברודיגט טעג, געריסן קורצע ציין ביי קרעמער, געצאלט פאר שטעטלדיגן טאל מיט חרוב׳דיגע היימען, מיט פארגוואלדיגטער נקבה...

איז דאן געוועזן הויל ארומעט. קאלטע קויטיגע געפרירכץ — וויסטער חלל. טויטע טויבע דראטן געהודעט האבן ארום טאל, זיך אוועקגעצויגן אנגעפרוירן ווי אין ווייטע מדבר־סטעפן און ניט דערגרייכט שוין מער צו גרויסער מאמעדיגער שטאט. שטעטלדיגער טאל האט לאנג געווארט פון דארט א טרייסט און פאר׳חושכט אזוי שטום געבליבן חלשן און ווארטן...

איצט גייט שוין קיינער לאנג צו הויפט־גאס ניט ארויס. און נאר אין איינעם דארט א פענסטער פון א גרויסן הויז קוקט ווען ניט ווען די לעצטע פון די בתולות זיך די אויגן אויס — אומעטיגע אור אלט־אויגן, חלומות פון צוויי טויזנט יאר קוקן צו, ווי שווארצער תלין רייט אויף פערד — טאג־טעגליך אויסגעצירט אין ווייסע ענטשן, מיט גאנטעס שמעכל אויף די ליפן, מיט לאנגן ווארטשיק אויף ערוה׳דיג געגאלטן קאפ — טאג־טעגליך קוקן אויף אים דארט אוראלט־אויגן, חלומות פון צוויי טויזנט יאר.

און אין זויער קעלט און ווינטער־ברוד האט איינמאל אפגע׳חלשט דא א טאג אזוי, א נאכט — א נאכט פון שבת קודש.

אין גרויער מארגנדיגער פריה האט פון ווייטן נעפלדיגן דארף געזאגט צו גאט אן אלטער קלויסטער־גלאק, געֵנאגט געקלאגט. פאר פרומע לייט איז פאר׳חושימט דא אין טאל געבליבן וויסטע לאנגע גאס, געגאפט ניט גלויבנדיג און דאך געהארכט, געהארכט מיט פרעגנדיגער קנאה:

— האט נאך ווער דען אויסבאהאלטן א גנבה׳ש שטיקל גאט!

אן אלטער תהילים־זאגער איז ערגעץ וואו געבליבן שטיל ביי זיך אין דער היים, דערפילט א טיאך אין הארץ און ניט געוואוסט שוין מעהר, גאט ווער איז, און וועמענס איז ער.

האט געקלונגען ווייטער פרעמדער גלאק. און אויף שטעטלדיגן טאל האט אלץ פון נעכטן אן געקרעהט א שווארצער האן; א פוילער ווינט געבלאזן האט מיט שרעק, מיט סקריפ פון צוגעמאכטן לאד און געקרייצט, געקרייצט א שבת׳דיגן טאג. באנאכט האט מען ערגעץ שטארק געריסן דא א טיר. געקלאפט געלאכט און גארניט ווייט האט אלעמאל געטאן א שאס. נאר איצט האט אלטער הייזיריגער וואנט־זייגער געקוקט געקוקט צו שבתדיגן לייכטר אויף צוגעדעקטן טיש און פלוצים גסיסה׳דיג און לאנג אויסגעכארכלט: „ניין״. האט מיט טליתדיגן מנין שארף פארשמעקט אן אלטער זיידעדיגער נאז, מיט חלב פון בית־המדרשדיגע עמוד־ליכט און מיט געזאנג פון שבתדיגן „למנצח״. אלטער אויער האט אומגעריכט דערהערט — א גאנצע עדה האלט שוין ווייט:

יהי חסדך עלינו, כאשר יחלנו לך.

און אפגעווארט אזוי א ווײַלע, אנגעשטרענגט מיט קלאפנדיגן הארץ און פלוצים, ווי אין חלום נאך א מאל דערהערט:

כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול.

און אויף גיך, אויף גיך ארויפגעווארפן זיך אויף דהאלז דעם קויטיגליכן האלב־פארגעלטן טלית, אנגעזאטלטן שבת׳דיגן ראק פון אויבן, און געשווינד, געשווינד מיט ציטעריגע פינגער־הענט אויפגעפראלט אן אונטער־טיר, ארויסגעשטעקט די ווייסע באַרד אויף קעלט און זיך א יאג געגעבן, נאר באלד געבליבן שטיין — דערהערט א שאס ניט ווייט, א שמעק געטאן די לופט א הין צו פוסטער וואכן־לאנג פארשוועכטער שול און אוועק צוריק, צוריק פארפראלט נאך זיך די טיר.

איצט איז שפעטלאך שוין — בייטאג...

אויף שטעטלדיגן טאל קרעהט אלץ פון נעכטן אן א שווארצער האן. א פוילער ווינט בלאזט מיט שרעק, מיט סקריפ פון צוגעמאכטן לאד און קרייצט א שבת.

און געקוילעט פרירט דארט שבת׳דיגער דרויסן. ס׳גייט קיין מענש; ס׳וואלגערט זיך א בלעטל „שמות״ דארט ארויסגעריסן פון א סדור — א געלס אזא, א „ברכי נפשי״־בלעטל געיאגט פון ווינט, געטריבן איבער צוגעפרוירענער בלאטע, איבער הרודעס, און אן א תיקון אלץ — אייביג אן א תיקון.

דוד בערגעלסאן



פאר'ן עמוד,
פאר אנגעצונדענע ליכט
האב איך דערפילט מיין לייב,
דאס קלארקייט,
דעם גוטן ריח פון מיין בלוט.

האט מיין ליכטיג לייב געזעהן:

מתפללים קומען אן אלץ מערער,
פון אלעמען שיילן זיך אפ די קליידער, —
אלט־פארביגע וואכן,
פארגליווערטע שווייסן
פון האנדל און וואנדל —
ווי ליסקעס פארדארטע רערלן זיך,

פאלן אראפ.

זיי ווערן לייבער איידעלע,
אלע זיי שיינען
פון טבילה און פיינען,
א לויטערקייט שטראַלט פון זיי
און נעמט זיי ארום.

אין אלעמענס פארמאכטע אויגן שפראצן
געזאנגען,
אויך אין מיינע שפראצט א געזאנג,
נאר פון תנועות שמעקט נאך פיין
און דער פיין אויך ניט אינגאנצן לויטער.

פאר'ן עמוד,
דורך עמוד פאר דער וועלט
דערצייל איך ווי מיר שפראצן אויף,
ווי מיר קומען אן
דערצייל איך
מיט געוויין, מיט געזאנג, מיט
פראסטן ווארט.

ל. קוויטקאָ

*

בין קיינמאל ניט געווען געשוואלן,
קיין מילך, קיין וואסער
מיינע גלידער ניט געשווינקט —
צען מאל גורט מיין גארטעלע
די לענדן מיר ארום.

בלוטן —
מיינע בלוטן —
פליהן דינע בייטשן,
פייפן שניידיג אין מיין לייב.
אויסגעברענט איז מיר אַף פיס־טריט
אזא ברען־שפרוך דריי מאל: „פריי״. —
טרייבט מיך, — לויף איך דורך די טייכן,
דורך די וועלדערס שמייסעריי,
דורך די שעלטנדיגע צינגער,
דורך ירידימ׳ס בילעריי.

כ׳טרעף אין טאלן. זיצן סטויפעס:
טרונקן רעגן, פרעסן שטויבן. —
«האט איר אויגן ?»
— הימל׳ס וועגן ! —
«קענט איר בליהן ?»
— יאָ, מיט טרויבן!
«וואס־זשע זיצט איר ?»
— בליי, די ספערן !
«וואו איז פרוכפער ?»
— העכער ספערן !
וואלקענס ליגן איבער טאָלן
איבער וואָלקענס אינעם בלאָוון,
צאפלט, פליהט די פרוכפער טויב,
רייסט פארצווייפלט זיך צו טאָלן,
טרייבט צוריק זי אָפ דער שטויב.

ל. קוויטקאָ